**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער אריבערפירונג פון CHIPS און וויסנשאפט געזעץ**

"דאס אריבערפירונג פון דעם פעדעראלן CHIPS און וויסנשאפט געזעץ (CHIPS and Science Act) וועט שאפן א שטערקערע און ליכטעגערע עקאנאמישע צוקונפט פאר ניו יארק. א דאנק סענאטארן שומער און דזשיליבראנד און די מיטגלידער פון די ניו יארקע קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע, וועט דער געזעץ העלפן אוועקשטעלן די פאראייניגטע שטאטן אין פאזיציע צו זיין א גלאבאלע פירער אין די פראָדוקציע פון די טשיפּס אויף וועלכע אונזערע טעלעפאנען, קארן און קאמפיוטערס ארבעטן. מיט טאג-טעגליכע אויסגאבן זייענדיג גאר טייער און מיט די אנגייענדע וואוקס פון אינפלאציע, וועט דער CHIPS און וויסנשאפט געזעץ גיבן א שטופ פאר טעכנאלאגישע פארשריט, שאפן גוטע פאבריק דזשאבס און מאכן די טאג-טעגליכע טעכנאלאגיע ביליגער. איך קוק ארויס צו זעהן פרעזידענטביידן'ס אונטערשריפט אויף דעם היסטארישן געזעץ.

"דא אין ניו יארק, וועט דער CHIPS און וויסנשאפט געזעץ אויך ברענגען רעקארד הויכע אינוועסטירונגען און צאללאזע דזשאבס אין די געגנטער וואו עס זענען דא אסאך פאבריקן, און דערפאר ארבעטן מיר פונקט אזוי שווער אויף די סטעיט שטאפל זיך צו אוועקשטעלן אין פאזיציע אלץ א פירער אין טשיפ פראדוקציע. ניו יארק'ס Green CHIPS געזעץ, וואס איז אריבערגעגאנגען אין די לעגיסלאטור מיט איינשטימיגע, אומפארטייאישע שטיצע, וועט מאכן וואקסן די סטעיט'ס סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע אויף א פאראנטווארטליכע און ענווייראמענט-פריינטליכע וועג מיט גרויסע אינוועסטירונגען אין ארבעטסקראפט און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די סטעיט און פעדעראלע CHIPS געזעצן צוזאמען – אין צוגאב צו אונזער פארשידנארטיגע באפעלקערונג פון טאלאנטירטע מענטשן, רייכע לאקאלע קוועלער און אנגייענדע אינוועסטירונגען – וועלן העלפן ניו יארק שאפן דזשאבס און טעכנאלאגיע פאר די 21'סטע יאר-הונדערט און ווערן א גלאבאלע היפטשטאט פאר טשיפ פאבריצירונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418